בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות
Vol. 1-A | פ' ויגש תש"פ
United Jewish Community of Blooming Grove · Est. 2019

# וויכטיגע "אסיפת הרבנים" דורכצושמועסן אַקטועלע נושאים און פּעולות פון די י.ז.ש.ע.סי. אָפּגעהאַלטן מיט גרויס הצלחה

## אסיפה אָפּגעראָכטן געוואָרן פּארגאנגענעם פרייטאג מקץ חנוכה בביתו נאוה קודש פון כ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א במעמד פון רבני ודייני העיר שליט"א

**אָנוועזנדע רבנים שליט"א הערן א גענויעם רעפּעראט און סך הכל פון די פּאַרצווייגטע פּעולות לטובה לטובת הציבור ולטובת הקהלות אין שטאָט, און דרוקן אויס באַגייסטערונג וויאזוי די עבודת הקודש ווערט דורכגעפירט מיט ערנסטקייט, פּאַראַנוואָרטליכקייט און אחריות און זענען שטאַרק מחזק די עסקנים אין די עבודת הקודש**

וויכטיגע באַהאַנדלונג איבער די פּעולות אין בעפאָרגרייטונג פון די בעפאָרשטייענדע וואַלן אינעם לאָקאַלן ווילעדזש, צו פאַרזיכערן אַז אַלעם ווערט געפירט לויט'ן חוות דעת פון די רבנים שליט"א ועפ"י התורה אשר יורוך

עסקנים אָנגעלאָדענט מיט מוט און אינספּיראַציע פּאָרצוזעצן מיט דער הייליגער אַרבעט נאָכ'ן ווערן געשטאַרקט און נתחזק פון די רבנים שליט"א וועלכע צייגן אַרויס אַזאַ וואַרעמקייט און אינטערעסע אין די פּעולות העסקנות למען טובת ותועלת העיר ותושבי'

— אויספירליכער באריכט וועט נאכפאלגן אין אונזער קומענדיגע אויסגאַבע —

פּאָרוואָרט

# אַ שטימע וואָס פּאַראייניגט, רעפּרעזענטירט און בויעט אַן עתיד

עס איז אונז אַ כבוד און אַ הנאה, צו קענען דעם היינטיגן טאָג אויפהייבן אונזער שריפטליכע **שטימע**, כדי פּאָרצושטעלן און פּרעזענטירן פאַר אייך, אונזערע טייערע ברידער און שכנים תושבי בלומינגראָוו, אונזער "ערשטע אויסגאַבע" וואָס וועט פאַר אייך — דאָס מיינט: אונז אַלע — געבן די אַזוי נויטיגע און גאָר וויכטיגע **שטימע**.

**יעדער רבים איז געבויעט פון יחידים, און יעדער יחיד האָט זיין אינדווידועלע שטימע.** אונזער באַליבטע שטאָט 'בלומינגראָוו' איז נישט בלויז נישט אַנדערש אין דעם הינזיכט — נאָר איר עצם עקזיסטענץ איז זאָגאַר צושטאַנד געקומען בלויז און אויסשליסליך דורכ'ן קוראַזש פון יחידים; הויז נאָך הויז, יחיד נאָך יחיד. ס'איז אַלזאָ פאַרשטענדליך אַז יעדער יחיד האָט זיינע רצונות, זיינע בעפאָרצוגן, וואָס הערט זיך אַרויס פון זיין פּערזענליכע **שטימע**.

<<<

אָבער, אויב איז דאָ איין זאַך וואָס נעמט אַלעמען צונויף, אויב איז פאַרהאַן אַ ספּעציפישע פאַרלאַנג און שטרעבן פון כל יחיד ויחיד, כל משפחה ומשפחה, כל תושב ותושב, איז דאָס קלאָר, אָן קיין צווייפל דאָס פאָלגענדע: **צו וואוינען אין דעם דאָזיגן פּלאַץ רואיג און צופרידן, השקט ובטח, דערציען די קינדער מיט הרחבת הדעת און האָבן די מעגליכקייטן מרחיב צו זיין די גבולי הקדושה,** און מ׳זאָל אויף קיין פאַל, חלילה, נישט דערשטיקן אונזער **שטימע.**

איז, אַלזאָ, טייערע איינוואוינער, כדי אָט דער אויסשליסליכער רצון אונזערער זאָל געהערט, דערהערט און געגרייכט ווערן — בעזרת השם יתברך שמו — זייער קלאָר, אַז עס פאָדערט זיך דערצו איין פאַראייניגטע קאָלעקטיווע און הילכיגע **שטימע.**

און אָט דעם חלל זענען מיר דאָ אַצינד צו דערפילן, אָט די פאַרלאַנג זענען מיר אַנטשלאָסן צו סערווירן, מיט דער ערשיינונג פון אונזער-אייער צייטליכע אויסגאַבע, וואָס איר האַלט אַצינד הנאה׳דיג אין די האַנט: די **בלומינגראָוו שטימע.**

★ ★ ★

**ב**לומינגראָוו, אונזער שטעטעלע בלומינגראָוו, דאַרפן מיר פאַר אייך נישט פאָרשטעלן. אויך איר ״וואוקס און בליה״ דאַרפן מיר אייך נישט שילדערן. ס׳איז עפּעס וואָס מיר לעבן אַלע מיט, טאָג טעגליך. די הצלחה איז ב״ה אויסערגעווענליך. דער וואוקס איז סאָליד, און דער גאָלדענער עתיד אַלס פּרעכטיגע, רחבות׳דיגע און רואיגע אידישע שטאָט זעט זיך פאָר פאַר די אויגן.

אין אַ גאָר קורצע צייט איז בלומינגראָוו געגאַנגען זייער הויך. זייער שנעל איז עס געלאָפן זייער גרויס. די שטייגענדע פאַרלאַנג פאַר דירות, דער וואונטש פון משפּחות צו וואוינען רואיג אין אַ היימישע סביבה און די דראַנג צוצוקומען צו ״עכטע הרחבה״ האָט געברענגט אַ נאָכאַנאַנדן פלייץ פון פרישע איינוואוינער, און נאָך פאר מ׳האָט זיך געקענט אַ דריי געבן האָט מען זיך ארומגעזען מיט אַ מציאות פון פילע הונדערטער תושבים וואָס באַוואוינען די שטאָט און אירע געסלעך.

היימישע משפּחות האָבן היימישע געברויכן, און אַסאַך היימישע משפּחות האָבן אַסאַך אייגנאַרטיגע פאַרלאַנגען — פאַרלאַנגען וואָס מיר מוזן באמת האָבן כדי צו קענען לעבן אונזער לעבנסשטייגער; פאַרלאַנגען וואָס נאָר אייגענע מענטשן קענען פאַרשטיין און ריכטיג אַרויסהאָבן; און פאַרלאַנגען וואָס דאַרפן ריכטיג איבערגעגעבן ווערן, ריכטיגע פּרעזענטירט ווערן, אין די ריכטיגע אינסטאַנצן, צו ברענגען פאַקטישע רעזולטאַטן און לעזונגען בעז״ה.

★ ★ ★

**פ**אַר אָט די מטרה האָבן תושבי עירנו זיך צונויפגענומען, כאיש אחד ובלב אחד, צו שאַפן אַ ׳באָורד׳, א קאָמיטע, אַ וועד, צונויפגעשטעלט ״פונעם ציבור — פאַר׳ן ציבור״, יונגעלייט תושבי העיר וועלכע זאָלן רעפּרעזענטירן די צרכי העיר, אַלס די עוסקים באמונה פאָרצושטעלן אונזערע פאַרלאַנגען פאַר די רעגירונג און בכלל צו פאָרמירן — און אָנהאַלטן — אַ פאַראייניגטע פראָנט אין אַלעם וואָס איז נוגע די קאָלעקטיווע צרכי העיר ותושבי׳.




דער באָורד איז געוואָרן אריינגעוועלט דורך רוב ציבור, און דאַן געקריגן די גוטסהייסונג פון די גדולי הרבנים שליט״א פון אַלע קהלות קדושות דאָ אין שטאָט. וכל דבר גדול וקטן, יעדע הינזיכט וואָס פאָדערט אַ דעת תורה ווערט מיט זיי דורכגערעדט, והן המה וואָס זענען די מכריעים אין יעדע הלכה׳דיגע און השקפה׳דיגע הינזיכט וואָס קומט אונטער אין די עבודת הקודש צו פאַרטרעטן די באַדערפענישן פון תושבי וקהלות עירנו על פי התורה אשר יורוך.

תהלה לקל, אַז אין די קורצע צייט זינט די פאָרמירונג פון דער קאָמיטע — וואָס פאַרמאָגט ב״ה אַן אָנוועזנהייט פון אַלע קהלות צוגלייך, אַז יעדער זאָל זיך שפּירן אייניג פאַרטרעטן — און זיך אַריינוואַרפן אויף פאַרשידענע פראָנטן, אויף כמה אופנים, האָבן שוין אַ גרויס טייל אַקטיוויטעטן ווירקליך עושה פּירות געווען, צו דער גרויסער צופרידנהייט און הנאה פונעם ציבור.

★ ★ ★

**א**ין אָט די אויסגאַבע, וועלן די אָנגייענדע אַקטיוויטעטן קריגן די נויטיגע **״שטימע״**, דער ציבור זאָל מיטהאַלטן **״מהנעשה והנשמע״**, סיי וואָס מ׳האָט שוין באוויזן דורכצופירן, סיי אָנגייענדע פּלענער און שתדלנות׳ער און סיי אַלגעמיינע פּאָזיטיווע אַנטוויקלונגען מיט אַ באַדייטנדן משמעות פאַר די שטאָט און אירע איינוואוינער.

מיר האָפן און מיר קוקן אַרויס, אַז אונזער אויסגאַבע וועט דינען דעם געוואונטשענעם ציל; **אונזער שטימע זאָל ריכטיג אויפגענומען ווערן, און איר זאָלט באמת שפּירן ווי אייער שטימע ווערט ריכטיג דערהערט — און פאַרטרעטן.** ס׳איז אונזער ציל אַרויסצוקומען יעדע עטליכע וואָכן מיט פרישע באַריכטן און אַפּדעיטס, און אדרבה; אייערע קאָמענטאַרן וועלן בלויז מאַכן אונזער בלעטל שענער, רייכער און עפעקטיווער.

מיט אזא פעסטע, פאראייניגטע און דויערהאַפטיגע ׳שטימע׳ וועלן מיר ברצות ה׳ דערפאָלגרייך זיין אינעם ״ועוד ידינו נטוי״, מיט די לאַנגשטרעקיגע קאָנקרעטע פּלענער פאָרצובערייטן פאַר אונז אַלע, פאַר אונז און אונזערע פאַמיליעס, פאַר אונז און פאַר אונזערע קינדער, אַ פּרעכטיגן עתיד פון הנאה און הרחבה, וואוקס און צופרידנהייט, בעזרת ה׳.

**מיט דאַנק און שעצונג,**

**די קאָמיטע**

## אין שאָטן פון לעצטערע אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס:

# דערפּאָלגרייכע זיצונג מיט'ן פּאָליציי-שעף איבער וואַך און סעקיוריטי ברענגט געוואונטשענע רעזולטאַטן

אידן איבער ניו יאָרק און ניו זשערסי זענען אין די לעצטערע וואָכן אויפגעשאָקעלט געוואָרן פון די סעריע אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס וואָס זענען געווען געצילט קעגן אידן און אידישע אינסטוטוציעס ה"י. מ'איז מפשפש במעשים און מ'איז מתפּלל צום אויבערשטן שלא ישמע עוד שוד ושבר בגבולינו.

צו דער זעלבער צייט זענען אחריות'דיגע עסקני הציבור איבעראַל אויך אַקטיוו אין די השתדלות בדרך הטבע, צו פאַרזיכערן אַז אונזערע בתי מדרשים און היימישע געגנטער זאָלן זיין באַוואַכט ווי ס'געהער צו זיין.

אין ליכט פון דעם האָבן די קאָמיטע מיטגלידער זיך אַראָפּגעזעצט מיט'ן שעף פון די לאקאלע בלומינג גראוו פּאָליציי, אויסצושמועסן די אייגנאַרטיגע זיכערהייטס געברויכן פון די אידישע איינוואוינער, סיי איבער'ן יאָר און איבערהויפּט אין שבתים וימים טובים ווען מיר באַניצן זיך נישט מיט קיין טעלעפאָנען און די הונדערטער קינדער געבענטשטע משפּחות דרייען זיך מער אויפ'ן גאַס, און דאַן פאָדערן זיך מער פּאַטראָלן צו האַלטן אַ וואַכזאַמען אויג איבער די גאַסן פאַר די רואיגקייט פון די אָרטיגע פאַמיליעס.

באַזונדער איז מען אַדורכגעגאַנגען די פילע בתי מדרשים מיט וואָס בלומינגראָוו איז ב"ה געבענטשט היינט צו טאָגס, און דורכאויס די תפלות שפּרודעלט דאָרט מיט פילע הונדערטער אידן בליעה"ר, וואָס פאָדערט אַן עקסטערע אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליצי.

די עסקנים זענען געווען העכסט באַאיינדרוקט פון דער סימפּאַטיע וואָס דער טשיעף האָט ארויסגעצייגט נאָכצוקומען אונזערע פארלאנגען, זאָגנדיג אַז ער פאַרשטייט קלאָר אַז די אידישע משפּחות האָבן אייגנאַרטיגע פאַרלאַנגען, און אַז ער וועט זיך מער שטעלן דערויף צו פארזיכערן אַז זיינע אָפיצירן פאַרשטייען די געברויכן פון היימישע אידן, איבערהויפּט וואָס איז נוגע שבתים און ימים טובים צו קענען זיין בייהילפיג די איינוואוינער מיט אַ פריינטליכקייט.


United Jewish Community
of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

Isaac Eckstein
Board Chairman

Joel Stern
Board Representative

Robert S. Rosborough IV
Board Counsel

Joseph Weinberger
Finance / Fundraising

Abraham Weiss
Chaim Gluck
David Kraus
Hershel Lowy
Mordche Holtzer
Moshe Halpern
Shia Bitman
Board members

בס"ד

ערב שבת קודש לסדר והיה המחנה הנשאר לפליטה תש"פ לפ"ק



אין שאטן פון די שוידערליכע טראגעדיע די וואך ביי אחינו בשרינו תושבי זשערסי סיטי לא עלינו השם ירחם, האט דער באורד זיך פארשטענדיגט מיט די אינסטאנצן, און

עס וועט זיין לעת עתה א שטארקע פאליציי אנוועזנהייט בתוככי שכונת בלומינגראוו און ספעציעל ביי די בתי מדרשים

והוי מתפלל בשלומה של מלכות! דער טשיעף פון די פאליציי איז גאר שטארק אנטקעגן געקומען מיט די איצטיגע פארלאנגען און ארויסגעוויזן ספעציעלע סענסיוויטעט כלפי דעם מצב.

ומי שאמר לעולמו די יאמר לצרותינו די וינחם את עמו ואת ארצו במהרה!

הרחמן הוא יפרוש עלינו סוכת רחמים וחיים ושלום ויגאלינו גאולת עולם בקרוב ממש

בברכת שבת שלום ומבורך
United Jewish Community of Blooming Grove

איבערהויפּט האָט דער פּאָליציי הויפּט געוויזן אַ שטאַרקע סענסיטיוויטעט אַנבאַלאַנגט די ספּעציעלע נויט פאַר "סעקיוריטי" ביי די בתי מדרשים דאָהי אין בלומינגראָוו, פאַרשטייענדיג אַז דאָס פאָדערט זיך פאר די רואיגקייט און זיכערהייט פון די תושבים. אין די נאָכפאָלגענדע טעג האָט מען ווירקליך געזען אַ באדייטנדע אָנוועזנהייט פון פּאָליצייאישע פּאַטראָלן ביי די לאָקאַלע בתי מדרשים, צו דער צופרידנהייט פונעם ציבור.

די קאָמיטע מיטגלידער זענען אַרויסגעקומען זייער ערמוטיגט פון דער קאָנפערענץ, זיך איבערצייגנדיג אַז ווען מ'טוט די ריכטיגע פּעולות, מ'ברענגט אַרויס אונזערע פּאַרלאַנגען אויף אַן אָפיציעלן וועג מיט אַ שטאַנדהאַפטיגער פּאַרטרעטערשאַפט, ווערן אונזערע בקשות דערהערט און ריכטיג אויפגענומען און אָנגענומען, ברענגענדיג קאָנקרעטע רעזולטאַטן בעז"ה.

**בחצרות שרים ורוזנים!**




מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!

אין דעם קאָלום וועלן אי"ה ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינגראָווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.

אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.

שרייבט צו דער רעדאַקציע:
BGVoice@UJCofBloomingGrove.org




### חמירא סכנתא:

# רעפלעקטאָר דרייוו

## העכער 1,000 "רעפלעקטאָרס" וועלן פאַרטיילט ווערן פאַר'ן ציבור

אין אונזערע זיצונגען מיט דער פּאָליציי האָבן זיי זייער געבעטן אויפמערקזאַם צו מאַכן אונזער ציבור און אויפפּאָדערן יעדן איינעם אָן אויסנאַם יעדער זאָל גיין מיט רעפלעקטאָרס לענגאויס די טונקעלע שעה'ן פון די נאַכט!

באַזונדער האָבן די "חברה הצלה" קאָאָרדינעטאָרס שטאַרק געבעטן אַז דער באָורד זאָל זיך אַריינלייגן דערין, צוליב וואָס די גאַסן זענען זייער געדרייט און שמאָל, און אַז ס'איז טונקל אינמיטן דער נאַכט איז טיילמאָל זייער שווער צו באַמערקן אַ פיסגייער, ובפרט אַז מיר גייען מיט טונקעלע קליידונג וואָס מאַכט שווערער דאָס באַמערקט צו ווערן, און קען גורם זיין סכנת נפשות ממש ר"ל.

די באָורד האָט זיך תיכף אַריינגעוואָרפן אין דער הינזיכט לטובת הציבור און זיך געוואָנדן צו א חשוב'ן נדבן וועלכער האָט באַוויליגט צו מנדב זיין העכער 1,000 רעפלעקטאָרן, אַז מ'זאָל עס קענען פאַרטיילן צווישן תושבי העיר.

אין די קומענדיגע טעג וועט די ליפערונג פון די גאָר גוטע און דויערהאַפטיגע קוואַליטעט רעפלעקטאָרס אָנקומען און די עסקנים וועלן דאָס פאַרטיילן פאַר אַלע איינוואוינער. מ'בעט אַ ספּעציעלע בקשה מ'זאָל עס נישט נעמען פאר לייכט. סיי יונג און אַלט, מענער און פרויען, יעדער זאָל פאַרזיכערן צו גיין מיט די רעפלעקטאָרס, וואָס טוט בעז"ה פאַרהיטן פון סכנות.

גלייכצייטיג האט די פאליציי געבעטן מ'זאל נישט לאזן אויף די גאסן נאענט צום ראוד גרעסערע אביעקטן, ווי שפילצייג און בייקס וכדומה, וואס ברענגט שאדענס ווען אויטאס שטויסן זיך אן דערינען, און קען ח"ו צוברענגן צו א סכנה אויף די ראודס רח"ל.

עס איז צום האפן אז דער ציבור וועט פאזיטיוו באגריסן די שריט וואס ווערט אינטערגענומען פאר די זיכערהייט פון די פיסגייער און דרייווער צוגלייך.

**וה' ישמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום מעתה ועד עולם.**

## בלומינגראוו קלאסיפיידס BLOOMING GROVE CLASSIFIEDS

Decorative chocolate gift boxes or by the dozen Moshkowitz 845-782-4185

Blinds installation
347-581-4051 משה שניצער

Babysitting schwartz Forth Worth
845-781-7846

Haircut & Hairdresser
Z. Appel 845-782-4675

*Starting now!* Art fantasy for ladies and girls - Sternfeld 845-783-0474

Upstate Aloe-Vera
און נאך vitamins, creams, נאטורליכע פראדוקטן
845-537-2257

HK & Cranial
L. Weiss 347-570-0827

The Purity Water Filtering Systems 845.783.6198

Vitamins for Herpes and Strep
בדוק ומנוסה Falkowitz 845-783-2841

Perry's Hairdresser & Sheitel Wash & Set - P. Lowy (845) 783-0596

Upscale silk scarves
R. Glick 917-474-3356

Waxing & Electrolysis
Jabra 38 Duelk
845-637-4071 845-500-9864

Photography - Pic a pose
E. Kellner 845-662-5180

Mattress all sizes - We Deliver
845-662-2941 ישעי' בראך

ראדאוויץ שמש - אלע ערליי משקאות
845-323-6294 יהוסף שווארץ




Playgroup - Mendlowitz
(Felberbaum) 845-238-9152

Bakery - Heimisha Challah
Duelk 70 - היימישע חלות און מזונות
718-435-2760 מאשקאוויטש

זמיגראדער קאך - פאר אלע אייערע
845-248-6411 שמחות און משקאות

Oasis Photography
S. Halpern 917.586.8889

Shaklee Vitamins (Shlomo weiss)
845.782.8068

דירות פאר שבתים - (פלאץ פאר עטליכע קאפלס) צו פארדינגען 845-248-6411

**לכו והתפרנסו זה מזה: ביזנעסער און סערוויסעס פון בלומינגראוו איינוואוינער**

**צו אדווערטייזן אייער ביזנעס קלאסיפייד עד בחנם שרייבט צו: BGVoice@UJCofBloomingGrove.org**

### תכין לך הדרך:

# העפטיגע אינטערווענצן צוריק צו אַקטיווירן באַקוועמען "שאָרט קאָט" וואָס פאַרבינדט "וואָרלי הייטס" און "קעפּיטאַל הילל" געגענטער

## יו. זשעי.סי. פאַרהאַנדעלט מיט די פּראָפּערטי אייגענטימער און קוקט אַרויס צו שאַפן נדבנים צו דערמעגליכן דאָס איינשטעלן פּערמאַנענטע אינסטולאַציעס וואָס זאָלן פאַרזיכערן די "סעיפטי" און באַקוועמליכקייט פונעם שאָרטקאָט לטובת הציבור

שוין א לענגערע צייט וואס דער ברייטער ציבור באַניצט דעם "שאָרט קאָט" וואס טוט דורכטראָגן צווישן די "מענגין" און "גרין" גאַסן און אַזוי אַרום פאַרבינדן די צוויי געגענטער פון "וואָרלי הייטס" און "קעפּיטאַל הילל", פאַרשפּאָרנדיג אַ געוואַלד מיט איבריגע טירחא און צייט פאַר אַלע דורכגייער.

די היסטאָריע פון דעם שאָרטקאָט גייט צוריק שוין מיט העכער צוויי יאר, ווען מיט די הילף פון אנשי מעשה האָט מען אינסטאָלירט פּראַקטישע טרעפּ וואָס פירט ארויף אויפ'ן באַרג און דערמיט עס געמאַכט נוצבאַר פאַר'ן ציבור. ווירקליך איז דאָס אַן אויסטערלישע הילף און זייער אַרבעט צאָלט זיך אויס פילפאַכיג ווען יעדן שבת ויום טוב טוען צענדליגער אויב נישט הונדערטער אידן באַניצן מיט דעם היימיש-געפלאַסטערטן שטעגל.

אָבער למעשה, איז די ארבעט נישט פולשטענדיג פאַרענדיגט געוואָרן. דער אָריגינעלער פּלאַן האָט געלויטעט צו אינסטאָלירן א דעכל העכער די שטיגן כדי מ'זאל נישט דארפן פּיצן די שניי און די ווינטער חדשים, ווי אויך צו גיסן פּעך און קוילן פאר א טראָטואַר פון און צום שארטקאט. עקסטער האָט מען פּלאַנירט אַריינצוציען געהעריגע עקלעטעריציטעט צו באלייכטן דעם וועג, אבער דערווייל איז עס נאכנישט צושטאנד געקומען,

צוליב דעם פּריצייטיגן אָפּשטעל פון דער אַרבעט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַ פּראָבלעם אז ווען ס'קומט א רעגן ווערט א גרויס מאראסט, און איבערהויפּט אין די יעצטיגע ווינטער-חדשים, צוליב די קאַלטע וועטערס, ווערט די שארטקאט אנגעלייגט מיט "בלעק אייס". דאָס איז שוין געפּאַרפול, ווייל ס'קען ברענגען לידי סכנה אַז מענטשן זאָלן זיך אויסגליטשן ח"ו, איבערהויפּט אַז דאָס פּלאַץ איז נאָכנישט געהעריג באַלויכטן.




נאָך וואָס עטליכע קלענערע אינצידענטן האָבן פּאַסירט וואו עטליכע האָבן זיך פּאַקטיש אויסגעגליטשט, וואס קען פּאַראורזאַכן פּראבלעמען פאר די אייגנטימער פונעם פּראפּערטי – וואס ברם יזכרו לטובה, עס דאַרף דערמאַנט ווערן לשבח ולתהלה הרבני החסיד מוה"ר שאול יודא מענדלאוויטש הי"ו און הרבני החסיד מוה"ר אלעזר ווייס הי"ו וואס האבן בנדבת לבם לתועלת הציבור זיך צוגעשטעלט תיכף ביים אהערשטעלן דעם פּראיעקט און זענען מנדב און געבן אַוועק פון זייער פּריוואַטע רכוש און פּריוואַטקייט לטובת הציבור, און עס איז זיכער אז דאס ברענגט זיי אַ ברכה והצלחה לביתם, כל היום חונן ומלוה וזרעו לברכה – אבער ההכרח לא יגונה, חמירא סכנתא, און דער שאָרטקאָט האט געמוזט צייטווייליג אָפּגעשלאָסן געוואָרן.

פּילע איינוואוינער האָבן געברענגט די אישו צו דער אויפמערקזאַמקייט פון יו.זשעי.סי. און די היינטיגע וואך האט מען זיך דערין אַריינגעלייגט. די באָרד מיטגלידער האָבן אַריינגעקוקט אין אלע איינצעלהייטן, גערעדט מיט אלע צדדים וואס זענען פארבינדן דערמיט, און מ'האָט אָנגעהויבן צונויפשטעלן אַ "פּראָפּאָוזעל" איבער אַלעם וואָס דאַרף געטון ווערן צו פאַרענדיגן די איינריכטונג פונעם שאָרטקאָט אַלס פּערמאַנענטער וועג צום באַנוץ פונעם ציבור און וויפיל דאָס דאַרף אָפּקאָסטן.

ווי נאָר דער גענויער באַריכט וועט זיין פאַרטיג מיט אַ קלאָרע אָפּשאַצונג וועט דער באָורד זיך אָפּגעבן בעז"ה מיט'ן שאַפן די פאָנדן צו קענען דורכפירן דעם וויכטיגן פּראָיעקט לטובת די איינוואוינער, און מ'האָפט בקרוב צו קענען איינמעלדן פּאָזיטיווע אַפּדעיטס איבער דער פאָרשריט און ווידער-ערעפענונג פון דעם אַזוי נויטיגן שאָרטקאָט.

**מחיל אל חיל!**

### אַ דורכברוך צו עלימינירן אַן אומזיסטיגע פּלאָג:

# פּאָזיטיווע ערגרייכונג פון ספּעציעלע "פּאַרקינג פּערמיטן" לענגאויס די ווינטער חדשים אויפגענומען מיט דערלייכטערונג


United Jewish Community of Blooming Grove

Isaac Eckstein
Board Chairman
Joel Stern
Board Representative
Robert S. Rosborough IV
Board Counsel
Joseph Weinberger
Finance / Fundraising
Abraham Weiss
Chaim Gluck
David Kraus
Hershel Lowy
Mordche Holtzer
Moshe Halpern
Shia Bitman
Board members

בשורה טובה
פּאַרקינג אָפּדעיט

וועט מען ביי סיי וועלכע צוזאַמקום ווי שמחות אָדער מסיבות, קענען פּאַרקן קאַרס אויף די ווילעדזש גאַסן אין די ווינטער חדשים

מיט אַ מעלדונג פון פריער צום באָורד

845-237-4828
Info@UJCofBloomingGrove.org

United Jewish Community of Blooming Grove

מיט הנאה און צופרידנהייט איז צווישן די איינוואוינער אויפגענומען געוואָרן די פּאָזיטיווע נייעס, אַז אין די ראַמען פון די אָנגייענדע אַקטיוויטעטן האָט די קאָמיטע האט ב"ה באוויזן אויסצוהאַמערן אַן אָפּמאַך מיט דער לאקאלער באהערדע צו דערלייכטערן פאר תושבי בלומינגראוו מיט'ן פּאַרקינג פּאַרבאָט וואָס האָט שטאַרק געמוטשעט דעם ציבור.

אין די לעצטערע יאָרן האָבן אָרטיגע איינוואוינער זיך געפּלאָגט מיט דער פאָרשריפט פון דער אָרטיגער רעגירונג (וואָס אגב זענען ענדליכע פאַראָרדענונגען גילטיג אין פילע קלענערע שטעטלעך) וואָס לויטעט אַז אין די ווינטער-מאָנאַטן – דהיינו פון נאוועמבער 1 ביז אפריל 15 למספרם – טאָר מען נישט פּאַרקירן קיין אויטאָס ביי די גאַסן, און ווער ס'האָט יאָ פּאַרלעצט די רעגולאַציע איז תיכף געווען אויסגעשטעלט פאַר טיקעטס מיט גרויסע סומאָנסעס.

בעת אין טעגליכן הלוך ילך איז דאָס נישט אַזוי ווייט אַקטועל, צוליב וואס דאָהי אין בלומינגראוו פארמאגט דאך יעדער אייגענע רחבות'דיגע פּריוואַטע פּאַרקינג ביים דרייוועי, האָט דאָס אָבער יא אפעקטירט די איינוואוינער בשעת'ן פּראַווען משפּחה-שמחות, מיטינגען און מסיבות אא"וו, יעדע מאורע צו וועלכע מ'האָט געלאַדענט מערערע מענטשן, און דאַן זענען די אנקומענדע געסט געווען אויסגעשטעלט צו ליידן פון פּאַרקינג טיקעטס, וואָס איז פארשטענדליך געווען זייער אומאנגענעם פאַר'ן איינוואוינער.

אַלס איינס פון די אישוס וואָס די קאָמיטע מיטגלידער האָבן פיל געהערט צווישן דעם ציבור, האָט מען זיך ארייגעלייגט דערין, אַרויפגעברענגט דעם נויט אין די געשפּרעכן מיט די אינסטאַנצן און ב"ה באַוויזן צו קומען צו אַ פאַרשטענדעניש.

די רעגירונג האָט איינגעשטימט ארויסצוגעבן ספּעציעלע "פּאַרקינג פּערמיטן", וועלן ס'וועט פאַרלאַנגט ווערן דורכ'ן באָורד, פאַר ספּעציעלע פארזאמלונגען ווי שמחות און מסיבות.

ס'איז אַלזאָ אַ צופרידנהייט איינצומעלדן, אַז סיי ווען איינער פון די איינוואוינער נויטיגט זיך אין אַ דערלויבעניש פאַר קאַרס צו קענען פּאַרקן אַרום זיין הויז אד"ג, קען מען זיך מעלדן צום באָורד וואָס וועט אי"ה ערלעדיגן דעם פּערמיט ביי די אינסטאַנצן, צו אייער פולסטער צופרידנהייט אָן קיין עגמת נפש בעז"ה.

גלייכצייטיג, כדי דאָס זאָל קענען אָנגעהאַלטן ווערן לתועלת הציבור, בעט מען איינזעעניש פון יעדן נישט צו "אַביוזן" די ספּעציעלע פּריוועליגיע, נאָר זיך האַלטן צו די פּאָלגענדע פּאָרשריפטן: אויסדריקליך "נאר פּאַרקירן די אויטאָס אויף איין זייט גאס", ווייל טייל ראָודס זענען זייער שמאָל און אַז מ'איז קאַרס זענען פּאַרקירט אויףביידע זייטן קען אַ דריטע קאַר שווערליך זיך דורכשלייכן; נישט בלאָקירן קיין דרייוועי אין קיין שום פאַל, נישט גורם צו זיין קאָמפּלעינטס פון שכנים; און נאָך **10:00** אויפדערנאַכט זאָל מען באַזונדער אַכטונג געבן נישט צו מאַכן קיין גערודער אויף די שטילע גאַסן.

די עסקנים זענען דאַנקבאַר די אינסטאַנצן פאַר'ן צונייגן אַן אויער און זיין סימפּאַטיש צו די פאַרלאַנגען פונעם ציבור, און מ'קוקט אַרויס ווייטער צו קענען אויפטון גדולות ונצורות ביתר שאת.

**לתועלת הציבור!**

## פּאַרקינג ביי בתי מדרשים

מיטן אהערשטעלן יושר'דיגע פּארקינג רעכטן איבער די אלגעמיינע גאַסן, ביי גרעסרע פארזאמלונגען אין די הייזער, האט מען עס גענומען צום וויכטיגער טייל, נעמליך דאס ערלויבן פּאַרקינג ביי די בתי מדרשים, אַז אידן וואָס קומען אל הרנה ואל התפלה, טאָג טעגליך, אין די בתי מדרשים זאָלן נישט האָבן קיין פּראָבלעמען מיט פּאַרקינג.

נאָכ'ן אויפברענגען די אישו פּאַר די אינסטאַנצן, האלט מען אינמיטן אויסאַרבעטן אַ באזונדערע 'פּארקינג פּערמיט' וואס זאל אפיציעל ערלויבן דאס פּאַרקירן ביי די בתי מדרשים אין די באַשטימטע צייטן ווען די טעגליכע תפלות זענען אין קראַפט.

אין די טעג ווערט אויסגעארבעט אינאיינעם מיט די אינסטאנצן אַ גענויע "פּאַרקינג מאַפּע" פון אלע לאָקאַלע בתי מדרשים, וואו ס'וועט זיין אָנגעצייכענט די גענויע פּאַרקינג ספּעיסעס וואו אלץ ס'וועט זיין די ערלויבעניש צו פּאַרקירן, כדי נישט זיך אָנשטויסן אין קיין פּראָבלעמען און אומאַנגענעמליכקייטן.

עס איז צום האָפן אין די גאר נאענטע טעג צו קענען ארויסשטעלן די מאפע פון די פּאַרקינג ארום די בתי מדרשים לטובת המתפללים.

**ורגלי מוליכות אותי לביהמ"ד!**

אַ טעגליכע נויט ווערט בעז"ה ריכטיג אַדרעסירט:

# אָנגייענדע העפטיגע זיצונגען איבער באָס טראַנספּאָרטאַציע צו די מוסדות התורה

## איינצופעדימען געמיינזאַמע פאַרשטענדעניש די סערוויס זאָל ווערן צוגעשטעלט אויפ'ן בעסטן פארנעם בעז"ה

אין די ראַמען פון די פילע ברייטפאַרצווייגטע אַקטיוויטעטן צו העלפן דעם ציבור און פאַרבעסערן די "קוואַליטי אָוו לייף" אין אונזער שטאָט, האָבן די באָורד מיטגלידער זיך שטאַרק אַריינגעלייגט אין דעם היניכט פון די טעגליכע טראַנספּאָרטאַציע פאַר די פילע הונדערטער קינדערלעך כ"י וועלכע פאָרן טעגליך צווישן בלומינגראָוו און די מוסדות הק' פון קרית יואל.

טראָץ וואָס מ'האָט ב"ה באַוויזן איינצופעדימען די "קוואַליטי" באָסעס וואָס האָט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין אַ געוואַלדיגע ישועה און אויפטו לתועלת די קינדער און עלטערן שיחי', און זאַכן "פאָרן" ב"ה טאָג-טעגליך, ווען די קינדער פאָרן און קומען בשלום, איז אָבער פאָרט פאַרהאַן אַ צאָל 'אישוס' וואָס מוטשען די קינדער און די עלטערן לענגאויס די טעגליכע ראַוטס און שוין אַ לענגערע צייט וואָס מ'הערט דעם ציבור אונטערקרעכצן דערוועגן.

הויפּטזעכליך איז די באַקלאָגעניש איבער דער היניכט פון "צייטליכקייט". נעמליך, די באָסעס קומען אָן שפּעט, סיי ביים אויפנעמען די קינדער צו גיין אין חדר\שולע אַריין, און סיי אויפ'ן וועג אהיים צוריקקומענדיג צום שויס פון די ליבע עלטערן נאָך אַ פולן טאָג אין די מוסדות. דאָס שטערט פאַר אַלעמען, נישט קענענדיג זיך געהעריג אויסרעכענען דעם סקעדזשול און ווי אויך שטערט עס דעם סדר היום פון די קינדער.

ווי אויך האלט מען מיט אַז אונזערע קינדער זענען אויסגעשטעלט צו זיצן א לאנגע צייט אויף די באסעס אהין און צוריק, אָן קיין באַגנוגנדע סיבה, און ווי אויך זענען די סטאַפּס נישט געהעריג מסודר ווי ס'פּאָדערט זיך אַז זאַכן זאָלן קלאַפּן סיסטעמאַטיש, סיי די עלטערן און סיי די קינדער זאָלן וויסן וואָס צו ערוואַרטן, ווער פריער ווער שפּעטער און וואו גענוי פונקטליך מ'שטעלט זיך אָפּ טאָג טעגליך.

די זעלבע אויפ'ן וועג אהיים פון די מוסדות קענען צומאל די קינדער ווארטן - אן ספעציעל השגחה - אז די באסעס וואס דארפן זיי אהיימפירן זאלן קומען אפנעמען.

איבער אַלעם שפּירן עלטערן ווי ס'פעלט קאָמיוניקאַציע, אַן אוזן קשבת, צו קענען איבערגעבן קאָמפּלעינטס, פאַרלאַנגען, סיי בנוגע די ראַוטס, סיי בנוגע די דרייווערס, ווען גלייכצייטיג – ווי פאַרשטענדליך – האָבן די דרייווערס אויך פאַרשידענע רעזערוואַציעס און פאַרלאַנגען וואָס זיי וואָלטן געוואָלט די עלטערן זאָלן וויסן און פאַרשטיין. אַלעס וואָס האָט זיך אויסגעפעלט איז: איינצושטעלן אַן אָפענע ליניע פון קאָמיוניקאַציע און פאַרשטענדעניש זיך צו קענען דורכקומען.

די באָורד האָט דאָס גענומען זייער ערנסט, און אַלס די פאַרטרעטער פונעם ציבור אין בלומינגראָוו זיך געוואָנדן צו דער "קאָמיוניטי" באָס פירמע - וואס פארפיגט איצט אויף די טראנספארטאציע צו די מוסדות התורה - צו פאַרלאַנגען מיטינגען מיט זיי. ס'איז צושטאַנד געקומען עטליכע זיצונגען, סיי מיט "קוואליטי באס סערוויס קאָמפּאַני" און סיי מיט די "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט", וואו מיר האָבן אויפגעברענגט 'אויפ'ן טיש' אַלע קאָמפּלעינטס און אישוס, קומענדיג גוט פאָרגעברייט און דאָקומענטירט מיט פאַקטישע ביישפּילן פון טעגליכע אינצידענטן.

די פירמע פירערשאַפט האָט אַרויסגעצייגט סימפּאַטיע און אָפּפּערוויליגקייט מיטצואַרבעטן צו פאַררעכטן דעם סיסטעם, און מ'איז אצינד מיט זיי אין טעגליכע פאַרבינדונג אויסצואַרבעטן אַ נייעם געניאַלן מהלך, אַז מ'זאָל קענען הייבן דעם צאָל באָסעס און דורכדעם פיל מער פאַרשנעלערן די ראוטס. דער ענד-ציל איז אַז ס'זאל נישט נעמען א ראַוט מער ווי 20 ביז 25 מינוט, פונעם שטוב ביז'ן מוסד, און די זעלבע צוריק אַהיים.

אין א גונסטיגע אנטוויקלונג וואס איז אויסגעקומען נאכ'ן זיך דורכרעדן צווישן די קאמפעניס אינאיינעם מיט'ן באורד איז מעגליך אז מיט א פאראייניגטע כח וועט מען קענען אראפברענגן די פרייז וואס ווערט גערעכנט פאר די טראנספארטאציע וואס וועט זיין א שטארק פאזיטיוו דורכברוך.

גלייכצייטיג דאַרף מען באַטאָנען, אַז וויבאַלד דאָס איז אַ פּארצווייגטע אונטערנעמונג, ס'פּאָדערט זיך אַסאַך קאָפּ און מח וויאַזוי איבערצומאַכן דעם גאַנצן סיסטעם און אויסבויען אַ דויערהאַפטיגן מהלך, וועט דער פּראָצעדור נאָך נעמען אַ ווייל ביז ווילאַנג ס'וועט פּאַקטיש אַריינגיין אין קראַפט. אָבער די עסקנים באַגלייטן עס געטריי און פּרובירן עס צו פאַרשנעלערן צום מאַקסימום און מ'האָפט בקרוב אי"ה צו קענען מעלדן די ענדגילטיג דעטאַלן פאַר'ן ציבור.

**ואני אתנהלה, לרגל הילדים!**

# ברוכים הבאים

• חורף תש"פ •

## מקבלים בזה מע"כ אנ"ש
## לרגל בואם להשתקע בעירינו

הרה"צ רבי **יושע מרדכי לייפער** שליט"א - אדמו"ר מבאניע
בן הרב **דוד** • חתן הרב **שלמה יאקאבאוויטש**

מוה"ר **יואל שווארץ** הי"ו
בן הרב **מיכאל יוסף** • חתן הרב **הערשל ווייס** שו"ב

מוה"ר **שמעון יואל שטעסל** הי"ו
בן מוה"ר **שמואל נחמי'** • חתן מוה"ר **צבי זאב בערגער**

מוה"ר **דוד מאיר בערקאוויטש** הי"ו
בן הר"ר **משה צבי** • חתן מוה"ר **מרדכי וואלף בראווער**

מוה"ר **קלמן וואלף הערשקאוויטש** הי"ו
בן מוה"ר **אברהם הערץ** • חתן מוה"ר **פנחס גוטמאן**

מוה"ר **שלמה קעלנער** הי"ו
בן מוה"ר **יעקב** • חתן מוה"ר **ישעי' בראווער**

מוה"ר **בנציון לעווי** הי"ו
בן הרב **ברוך אלי'** • חתן מוה"ר **שלמה חיים פיש**

מוה"ר **אשר זאב גוטמאן** הי"ו
בן מוה"ר **שמואל** • חתן מוה"ר **שמואל בראך**

מוה"ר **אברהם שלמה ווייס** הי"ו
בן מוה"ר **שמואל צבי** • חתן מוה"ר **חיים גליק**

מוה"ר **בערל סאמעט** הי"ו
בן מוה"ר **יעקב יוסף** • חתן מוה"ר **יעקב יוסף דיימאנד**

מוה"ר **אבא שלום בערקאוויטש** הי"ו
בן מוה"ר **יושע אביגדור** • חתן מוה"ר **בנציון יאקאבאוויטש**

מוה"ר **יעקל ליכטענשטיין** הי"ו
בן מוה"ר **אברהם חיים** • חתן מוה"ר **יואל דאנציגער**

מוה"ר **ישראל חיים הירש** הי"ו
בן מוה"ר **משה** • חתן מוה"ר **אברהם אהרן בראווער**

מוה"ר **ישעי' יואל פאללאק** הי"ו
בן מוה"ר **חיים ארי'** • חתן מוה"ר **משה אהרן רייך**

מוה"ר **ישעי' ווייס** הי"ו
בן מוה"ר **קלמן** • חתן מוה"ר **משה מארקאוויטש**

מוה"ר **משה אבראהם** הי"ו
בן מוה"ר **שאול יחזקאל** • חתן מוה"ר **אברהם עביר ראזענבערג**

מוה"ר **שלמה יאזעפאוויטש** הי"ו
בן מוה"ר **אברהם** • חתן מוה"ר **שאול יודא מענדלאוויטש**

מוה"ר **נסים סאלל** הי"ו
בן מוה"ר **יעקב** - חתן מוה"ר **מאיר דוד מאסרי**

מוה"ר **גמליאל מוסה** הי"ו

הר"ר **אהרן מנחם ראלניצקי** הי"ו
בן הרב **ישראל ארי'** - חתן הרב **יחזקאל גאלד**

מוה"ר **בנציון פישמאן** הי"ו

מוה"ר **יואל בינער** הי"ו

**י ה א  ב ו א כ ם  ל ב ר כ ה**

# ברכת מזל טוב

## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

כ"ק מרן **אדמו"ר מצאנז זמיגראד** שליט"א
**לרגל אירוסי נכדתו למז"ט**
אצל חתנו הרה"ג ר' **חיים מאיר גרינוואלד** שליט"א - אב"ד טעטש
עב"ג החתן יואל אליעזר נ"י, בן הרה"ג ר' חיים אלעזר עסטרייכער שליט"א

הגה"צ **אבד"ק ראדאוויץ** שליט"א
**לרגל אירוסי נכדו למז"ט**
אצל בנו הרה"ג ר' יואל מייזעלס שליט"א

הגה"צ רבי **יואל הלברשטאם** שליט"א
אב"ד קיט"ל דסאטמאר בלומינגגראוו
**לרגל הולדת בתו למז"ט**

הגה"צ רבי **אלעזר טייטלבוים** שליט"א
ראה"כ תורה ויראה קליימער סט.
**לרגל שמחת נישואי בנו למזל טוב**

הרב **אהרן שלמה מארגענשטערן** הי"ו
**לרגל הולדת בנו למז"ט**

מוה"ר **מאיר הערש שטיין** הי"ו
**לרגל הולדת בתו למז"ט**

מוה"ר **יצחק גרשון מענדל ראזענבערג** הי"ו
**לרגל הולדת נכדו למז"ט**

מוה"ר **חיים הערש גאלדבערגער** הי"ו
**לרגל הולדת בנו למז"ט**

מוה"ר **נפתלי הירצקא וואללנער** הי"ו
**לרגל תגלחת בנו למז"ט**

מוה"ר **משה מרדכי גרינפעלד** הי"ו
**לרגל נישואי בתו למז"ט**

מוה"ר **יושע מרדכי מאשקאוויטש** הי"ו
**לרגל אירוסי בנו ולרגל הולדת נכדו למז"ט**
הבה"ח יהוסף נ"י עב"ג בת ר' קלמן מענדל פאלקאוויטש הי"ו

הר"ר **יעקב וואגשהאל** הי"ו
**לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצוות למז"ט**

מוה"ר **שמעון לאנדא** הי"ו
**לרגל הולדת בתו למז"ט**

מוה"ר **שמעון יואל שטעסל** הי"ו
**לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצוות למז"ט**

מוה"ר **אלימלך דוב אראן** הי"ו
**לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצוות למז"ט**

מוה"ר **אברהם אבא גרינהוט** הי"ו
**לרגל תגלחת בנו למז"ט**

מוה"ר **אברהם קלעפנער** הי"ו
**לרגל תגלחת בנו למז"ט**

מוה"ר **נפתלי משה ווייס** הי"ו
**לרגל הולדת בתו למז"ט**

מוה"ר **יואל שווארץ** הי"ו
**לרגל הולדת בנו למז"ט**

מוה"ר **פנחס פריעד** הי"ו
**לרגל תגלחת בנו למז"ט**

מוה"ר **יואל סאאל** הי"ו
**לרגל אירוסי בתו למז"ט**
עב"ג החתן מאיר דוד בן ר' יוסף אליהו גברא הי"ו

מוה"ר **יואל ברוין** הי"ו
**לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב**

הר"ר **אפרים אשר פאללאק** הי"ו
**לרגל הולדת בתו למז"ט**

מוה"ר **יואל גרובער** הי"ו
**לרגל הולדת בנו למז"ט**

הרב **יואל וואגשאהל** הי"ו
**לרגל הולדת בנו למז"ט**

יזכו לראות רב נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת